**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט אמעריקאנע קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט צושטעלן פעדעראלע הילף צו איינוואוינער און ביזנעסער באטראפן דורך יולי 10, 2024 שווערע וועטער**

***היימאייגנטומערס, איינוואוינער און ביזנעסער אין לואיס, עסעקס, קלינטאן, פרענקלין, האמילטאן, הערקימער, דשעפערסאן, אנעידא, אסוועגא, סט. לאווערנס, ווארען און וואשינגטאן קאונטיס קענען זיך אנגעבן פאר אמעריקאנע קליינע ביזנעסער אדמיניסטראציע נידריגע-אינטערעסט הלוואות***

***סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס האט געארבעט זייט ביי זייט מיט קאונטי באאמטע צו דורכפירן געפאדערטע פארלויפיגע שאדן אפשאצונג צו באקומען הילף פאר באטראפענע געמיינדעס נאכפאלגנדיג די שווערע וועטערן***

***הלוואה אפליקאציע אוועילעבל [אנליין]()***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן פעדעראלע הילף איז ערמעגליכט צו ניו יארקערס אין לואיס און עסעקס קאונטיס, און די ווייטערדיגע קאונטיס פון קלינטאן, פרענקלין, האמילטאן, הערקימער, דשעפערסאן, אנאידא, אסוועגא, סט. לאווערנס, ווארען און וואשינגטאן וואס זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטער אומו יולי 10. היימאייגנטומערס, דינגערס און ביזנעסער זענען יעצט ערמעגליכט זיך אנצוגעבן פאר אמעריקאנע קליינע ביזנעסער אדמיניסטראציע נידריג-אינטערעסט הלוואות צו העלפן אין ערהוילן פון די נאכפאלגן פון די שטורעמס וואס האבן געברענגט באדייטנדע שאדן צו הייזער און ביזנעסער.

"מיין אדמיניסטראציע האט גוט געארבעט צוצושטעלן ריסאורסעס צו ערטער אפעקטירט דורך די יולי 10 שווערע וועטער, און אלס דאנק צו אונזער פעדעראלע פארטנערס, קליינע ביזנעסער קענען זיך יעצט אנגעבן פאר הילף זיך צו ווידעראויפבויען און ערהוילן," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "שווערע וועטער איז געווארן צו אפט אין אונזער סטעיט, אבער מיר האלטן אן א שטארקע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן די ביזנעסער און געמיינדעס וואס מאכן ניו יארק ספעציעל."

היימאייגנטומערס, איינוואוינער און ביזנעסער אין די דערקלערטע קאונטיס זענען יעצט בארעכטיגט פאר SBA הלוואות. SBA הלוואות קענען זיין גאר בייהילפיג פאר בארעכטיגטע מענטשן/קערפערשאפטן וואס נויטיגן זיך אין פינאנציעלע הילף צו ארויפגיין אויף די רעלסן צו ערהוילונג, נאכפאלגנדיג וועטער-פארבינדענע קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס.

די פאלגענדע גרופעס קענען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר הילף פון SBA קאטאסטראפע הלוואות:

- היים אייגנטומער: ביז $500,000 צו פאריכטן זייער הויפט וואוינארט.

- היים אייגנטומער און ארויסדינגער: ביז $100,000 צו פאריכטן אדער איבערזעצן געשעדיגטע אדער חרוב'ע פערזענליכע פראפערטי.
- ביזנעס אייגנטומער: ביז $2,000,000 פאר די איבערזעצונג פון עכטע פראפעטי, אינווענטארי, מאשינען, געצייג, און אנדערע פיזישע פארלוסטן.
- ביזנעסער און נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס: עקאנאמישע וואונדן קאטאסטראפע הלוואות פאר ביז $2,000,000 צו צושטעלן די נויטיגע געלטער פאר אנגייענדע אפעראציעס ביז די אפעראציעס ווערן צוריק נארמאל נאך א קאטאסטראפע.

**ניו יארק סטעיט היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס קאמישענער דשעקי בריי האט געזאגט,** "גאווארנער האקול און אונזער פעדעראלע פארטנערס האבן שטארק געארבעט צו פארזיכערן צוטריט צו די נידריג- אינטערעסט הלוואות. די פינאנצירונג וועט העלפן היימאייגנטומער, רענטערס און ביזנעסער זיך ערהוילן פון די פארלוסטן וואס די שטורעם האט אנגעמאכט."

**סענאטאר קירסטין גיליבראנד האט געזאגט,** "אין יולי, האבן שווערע וועטער געשאפן באדייטנדע שאדן צו הייזער און ביזנעסער דורכאויס צענטראל ניו יארק און די נארט קאונטרי, און איך בין דאנקבאר צו זען באטראפענע איינוואוינער און ביזנעסער וועלן יעצט באקומען פעדעראלע הילף אין וואס זיי נויטיגן זיך צו ערהוילן. מאכן די קאטעסטראפע הלוואות צוגענגליך איז די קומענדיגע שריט פאר די באטראפענע צו זיך ווידעראויפבויען און צוריקבאקומען זייער פרנסה. איך דאנק די SBA פארן צושטעלן די קריטישע פעדעראלע הילף און איך וועל ווייטער קעמפן צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן יעדע מעגליכע פעדעראלע הילפסמיטלצוריקצובויען נאכפאלגנדיגן שווערע וועטער פאסירונגען."

ניו יארקערס קענען טרעפן נאך אינפארמאציע, דאונלאודן אפליקאציעס, און זיך אנגעבן אנליין דא [https://www.sba.gov/funding-programs/disaster-assistance](https://www.sba.gov/funding-programs/disaster-assistance). אפליקאנטן קענען אויך רופן SBA'ס קאסטומער סערוויס צענטער אויף 800-659-2955 אדער אימעיל [disastercustomerservice@sba.gov](mailto:disastercustomerservice@sba.gov). לאקאציעס פאר פערזענליכע הילף און אפליקאציעס וועלן געמאלדן ווערן אין די קומענדיגע טעג.

מענטשן וואס זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן רעדן דיסאביליטיס קענען רופן 7-1-1 אנצוקומען צו די 'רילעי' סערוויסעס מיט הילף צו קאמוניקירן איבער די טעלעפאן.

די פיילינג דעדליין צו צוריקשיקן אפליקאציעס פאר פיזישע פראפערטי שאדנן איז נאוועמבער 8, 2024. דער דעדליין צו צוריקשיקן עקאנאמישע פארוואונדונג אפליקאציעס איז יוני 9, 2025.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט NYSDHSES אויף פעיסבוק, X, אינסטעגרעם און לינקעדאין, און באזוכט [dhses.ny.gov](https://dhses.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן